בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א


# נייעס פון קינדערגארטן




## ✪ כ״א כסלו מסיבה

**זונטאג** – (פאר די גרעסערע קינדער) לכ׳ כ״א כסלו וואס איז געווען דעם פארגאנגענעם שבת, קומען מיר זיך אלע קינדער צוזאם אין אונזער עס־זאל. צום ערשט הערן מיר א דרשה פון דעם מנהל איבער די גרויסע נס וואס עס איז געשעהן אין דעם גרויסן טאג כ״א כסלו פאר אונזער הייליגן רבי״ן זי״ע. מיר הערן אויך וואס דער טאג מיינט פאר אונז קליינע קינדערלעך. און דאס איז, אז דער רבי האט נאך דעם גרויסן נס אויפגעשטעלט א חדר פאר די אינגעלעך וואו מ׳לערנט תורה, און מען דינט דעם הייליגן באשעפער, און דא לערנט מען אונז אויס וויאזוי צו זיין א ערליכער איד... דער אייבירשטער זאל טאקע העלפן מיר זאלן אלע אויסוואקסן ערליכע אידן און מיר זאלן גיין אין די וועגן וואס ער האט אונז געלערנט.
דערנאך קומען אלע רבי״ס און מאכן א שיינעם רינג, דער מוזיקאנט הויבט אן שפילן חסדי ד׳, און די חשובע רבי״ס טאנצען ארום אלע טישן, און מיר קינדערלעך זיצן אויף די פלעצער מיט גרויס דרך ארץ און מיר קלאטשן מיט די הענט. נאך עטליכע געהויבענע מינוטן שטלעט זיך די מוזיק אפ, און מיר שטעלן זיך אויף פון אונזערע פלעצער, מיר מאכן א שיינעם רינג מיט מיין רבי, די מוזיק הייבט אן נאכאמאל שפילן, און מיר טאנצן העכער און העכער לעבעדיגער און לעבעדיגער די שיינע ניגונים פון: חסדי ד׳, בך בטחו, טוב לי, און נאך שיינע ניגונים. אפאר אינגעלעך העלפן זינגען אויף די מייק: **יואל דושינסקי** – **און חיים מענדל באסול** – אויך האבן מיר באקומען א פיינע קאפקעי״ק לכ׳ כ״א כסלו. א יישר כח פאר אונזער געטרייער קעכער מו״ה **אהרן הערש בערקאוויטש** שליט״א און זיין זוהן מו״ה יואל הי״ו, פארן אונז אינזין האבן יעדן יומא דפגרא...

> א יישר כח
> פאר אליעזר פייערשטיי׳ס טאטע
> מו״ה **יואל פייערשטיין** הי״ו
> פארן שפילן די שיינע מוזיק.
> די טרעין סאונד האט אויסגעזעהן זייער עכט.....

## ✪אויך די פיצעלעך פרייען זיך מיט

(פאר די פרי נורסערי קינדער) אויך די גאר קליינע פיצעלעך פרייען זיך מיט אין דעם געהויבענעם טאג. אלע קינדער האבן זיך ארויס געזעצט אין די האלל פון די פרי נורסערי, מ׳האט אנגעצונדן א טעיפ וואס האט געזונגען חסדי ד׳. און אלע קינדערלעך צוזאמען מיט די רבי״ס האבן געטאנצן און געשפרינגען לעבעדיג, און זיך געפרייט מיט די גאנצע הארץ.. עס וועט זיכער בלייבן אונז אין זכרון אויף א לאנגע צייט.

## ✪מיר שפירן שוין חנוכה אין די לופט

דינסטאג- אט אט קומט שוין אן דער הייליגער ליסטיגער יו״ט חנוכה אויף וועלכע מירווארטן שוין אלע אזוי שטארק. דינסטאג, ווען מיר קומען צופרי אין חדר זעהן מיר שוין די קינדערגארטן מנורה איז אנגעגרייט, ווייל מארגן וועט מען שוין צינדן די חנוכה ליכט, און אין די מנורה גייט מען יעדן טאג צינדן ליכטעלעך לכ׳ חנוכה עס זאל זיין פרסומי ניסא.

## ✪מאי חנוכה?

מיטוואך- (פאר די גרעסערע קינדער) ברוך הבא, חנוכה איז שוין דא, אין א מזל׳דיגע שעה. מען צינדט שוין די מנורה, מען שפילט זיך מיטן דריידל. פארוואס טוט מען די אלע זאכן? דעם מיטוואך ווען מיר זענען זיך צוזאמען געקומען אין לאנט״ש רו״ם, הערן מיר מער וועגן דעם הייליגן יו״ט. צום ערשט זינגען מיר די שיינע באקאנטע חנוכה ליד, ״חנוכה אוי חנוכה א יו״ט א שיינע״... ״אלע נעכט מיט דריידל שפילן מיר״... **נתן הערש ווערטהיימער** ווייזט פאר יעדן וויאזוי ער שפילט מיט א גרויסע דריידל. אויך אסאך קינדערלעך **- יעקב שניטצער – צבי הירש שטיינמעץ – מרדכי ווייסמאן – ליפא בערקאוויטש – יוסף׳לע ווייס - בנציון זאלדאן - שלמה יודא ניימאן – משה הערש בערנאטה – משה גאלדמאן – הערשי קאהן – אשר מאן – שלמה שטערן – שמעון דייטש – נחמן אבערלענדער,** זענען זייער פרייליך צו ווייזן פאר אלע קינדערלעך וויאזוי זיי שפילן מיט זייער דריידל וואס זיי האבן געברענגט פונדערהיים.
דערנאך הערן מיר די מעשה פון די יונים, אז זיי האבן נישט געלאזט אידישע קינדער היטן די תורה, זיי זענען אריין געגאנגען אין דעם בית המקדש און טמא געמאכט אלע אויל, די כהנים האבן נישט געקענט אנצינדן די הייליגע מנורה.
מיר זעהן וויאזוי מ׳האט גוט גוט באהאלטן א קריגעלע אויל ערגעץ.... און אונז האמיר נישט געטארט אויסזאגן וואו די קריגעלע איז. מיר זעהן ווי מ׳זוכט און מ׳זוכט איבעראל אין די גאנצע לאנט״ש רום... ביז מ׳האט דאס ענדליך ענדליך געטראפן...... וואו? אין..... א..... גרויסע דריידעלע.... אוי האבן מיר זיך געפרייט ווען מ׳האט געטראפן די קריגעלע, און מ׳האט דאס ארויס גענומען... אט אזוי שטארק און נאכמער האבן די כהנים אין בית המקדש געזוכט די אויל, ביז דער הייליגער באשעפער האט געמאכט א נס און מ׳האט געטראפן איין קליינע ריינע קריגעלע אויל וואס האט געהאט דעם זיגעל פונעם כהן גדול. און מ׳האט געקענט צינדן די מנורה וואס האט געברענט אכט טעג.
יעצט זעהן מיר וויאזוי מ׳צינדט אן די מנורה און מיר הערן גוט וואספארא מצוה מ׳האט ווען מ׳קוקט אויף די הייליגע ליכטעלעך. אבער מיר הערן אויך אז מ׳טאר נישט שפילן נעבן די מנורה און אוודאי נישט נעבן דעם טאטן׳ס מנורה, ווייל עפעס קען געשעהן, וואס ס׳איז שוין איינמאל געשעהן מיט עפעס א אינגעלע וואס האט זיך געשפילט נעבן זיין טאטע׳ס מנורה...

## ✪ זונטאג ויגש סקעדזשועל

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשובע עלטערן אז דעם קומענדיגן זונטאג ויגש – חנוכה, וועט דער באס אויפנעמען די קינדער אום 11:00 די ערשטע סטאפ. (דאס איז 40 מינוט שפעטער פון יעדן זונטאג) פרישטאג עסט מען אינדערהיים.**

## ✪ מזל טוב פון די וואך

**הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א מזל טוב**
**פאר המלמד החשוב**
**הר״ר שלמה ברייער שליט״א**
**צום שידוך טוהן פון זיין טאכטער נ״י**
**דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת**
**פון אלע אייערע קינדער עמו״ש געזונטערהייט מיט הרחבת הדעת**

## ✪ מעסעד״ש פון די וואך

מיר ווילן אויך מודיע זיין די חשובע עלטערן שיחיו אז אונזער **״חנוכה פראגראם״** (פאר די גרעסערע קינדער) וועט פארקומען אי״ה קומענדיגע וואך ״דינסטאג״ און ״נישט מיטוואך״ אזוי ווי יעדע וואך. ביטע נעמט דאס אין אכט.

# זיסע חכמה'לעך

**רפאל בארזעסקי'ס** טאטע האט זיך ציווערטעלט מיט אים, און ער האט דאס גענומען גאר פערזענליך. אויס ווייטאג האט ער שנעל אויסגעשריגן א ברכה אויף זיין טאטע, די שעדליכסטע דיאגנאז וועלכע מען קען זיך נאר ערלויבן צו אפסטעמפלן א מאן: טאטי! דו ביסט א פרוי"....

✪

ביים עסן א טענדשארי"ן האט **יצחק פאלאטשעק** אראפ גענומען די קליינע ברוינע שטיקל און געזאגט "דעס מוז מען גוט אוועק לייגן אויף מוצש"ק צו קענען שמעקן "בשמים"....

✪

**יצחק טעללער** קומט אהיים און דערציילט אז: "מיין רבי שפילמאן'ס באבע איז געשטארבן, און מ'האט איר געטראגן אויף ארץ ישראל און געלייגט אין די מערת המכפילה נעבן די באבע שרה"....




**מרדכי'לע גלאנץ** איז איין נאכט געווען אין גאס, און די לעקטער האט זיך אויסגעלאשן און ס'איז געווען טונקל, זאגט ער "אה! די לבנה האט זיך אויסגעלאשן"...

✪

ווען זיין טאטע האט געדאווענט פארן עמוד אין שוהל, קומט ער אהיים און דערציילט "היינט איז טאטי געווען דער רבי שליט"א"....

✪

ווען דער טאטע האט גענדיגט אפשערן **יצחק מזרחי** האט ער נישט געוואלט וואשן זיין קאפ, ווען מ'האט אים געזאגט יצחק דיין קאפ איז פול מיט האר, זאגט ער "איך האב שוין נישט קיין הארעלעך, טאטי האט שוין אפגעשוירן.

✪

**יצחק** פרעגט "וואס גייט עסן א אינגל וואס איז אלערדשיק צו מילכיגס חנוכה?"....









## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**אברהםווערצבערגער נ"י**
**בן מו"ה חנני' מרדכי הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**הערשי כייעם נ"י**
**בן מו"ה יואל הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**אורי נחום קאהן נ"י**
**בן מו"ה עמרם הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**ליפא כהנא נ"י**
**בן מו"ה אברהם שלמה הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**נפתלי הירצקא זאבעל נ"י**
**בן מו"ה יואל אשר הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**יושע זעליג גאלדשטיין נ"י**
**בן מו"ה חיים יעקב הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**יוסף יודא מאלאח נ"י**
**בן מו"ה יקותיא' הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**שמוא' גאלדשטיין נ"י**
**בן מו"ה אהרן הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידש נחת געזונטערהייט עמו"ש